לאנדאן, דאנערשטיק דעם 4טן אקטאבער 1979

זייער חשובער און טייערער ה. ביים!

וואס מאכט איר? איך האף אז איר האט גוט פארבראכט ראש השנה אין חיפה און אז די פארבליבענע יום-טובים וועט איר פארברענגען מיט פרייד און גליק.

א הארציקן יישר כוח און א גאר טיפן דאנק פאר אייער וואונדערלעכן, רייכן בריוו וועלכער האט מיר זייער דערפרייט. איך ווייס גאר ניט ווי אזוי אייך צו דאנקען פאר דעם אלעמען. איך שטודיר און שטודיר ווידער יעדע איינע פון אייערע באמערקונגען. א גרויסן טייל וועל איך ציטירן אין פארשיידענע ארבעטן אדער אין דער דיסערטאציע (אויף וועלכער כ׳וועל ארבעטן כאטש נאך צוויי יאר) וואו איך וועל אייך ספעציעל דאנקען ביים אנהייב.

יא, די ערשטע אויפלאגעס פון ירושה און שארית וויל איך זייער קויפן אויב מען קען דאס באקומען אנטיקוואריש און כ׳וועל אייך זייער דאנקען פאר אינפארמאציעס ווען איך קען דערוועגן שרייבן. אויך וועלכע ניט איז אנדערע ווערק אייערע --- ביכער צי ארטיקלען --- וועל איך זיך זייער פרייען זיך צו קויפן.

איך וואלט אייך אויך זייער געשאנקט פאר אייער ביאגראפיע אדער וועלכע ניט איז ביאגראפישע/ביבליאגראפישע פרטים און איך האף אנצושרייבן אן ארטיקל איבער אייער ראל אין דער יידישער פילאלאגיע פונעם 20סטן יארהונדערט.

דא אין לאנדאן איז ווי אלעמאל -- נעפל, א ביסל רעגן און א סך העפלעכע ענגלענדער. די וואך האט זיך אנגעהויבן דער נייער אקאדעמישער זמן מיינער אין לאנדאנער אוניווערסיטעט. סוף כל סוף האט זיך מיר איינגעגעבן צו ארגאנזשירן זיך צו לערנען אויף א קורס פון מיטל-הויכדייטש, א שטח אויף וועלכן איך הינק אונטער זייער. די צוויי קלאסן פון יידיש אין אקספארד וועלכע איך לערן וועלן זיך אנהייבן אין א ערך צוויי וואכן ארום. איך ארבעט איצט א סך אויף דעם רעפעראט וואס איך דארף האלטן אין ייווא דעם 12טן נאוועמבער אין 1979-יארק איבער דער אינעווייניקסטער קלאסיפיקאציע פון מערב-יידיש (אויף דיאלעקטישע שטחים). די מזרח(ייִדישע שטחים אויפן האלענדישן יידיש זיינען, ווי איר ווייזט אן, גאר קליינע. איך וועל טענהן אינעם רעפעראט אז דאס האלענדישע יידיש אויפגעצייכנט פון אייך אין אונדזער צייט איז דיאלעקטיש-גענעטיש ענג פארבונדן מיט די צפונדיקע דיאלעקטן פון מערב יידיש וואס אנטפלעקן זיך אין פארשיידענע קריסטלעכע לערן-ביכער פאר יידיש פונעם 18טן יארהונדערט אין צפון-דייטשלאנד און וואס אונטערשיידט זיך שטארק פון די דרומדיקע דיאלעקטן פון מערב-יידיש. גאר וויכטיק אין דער קלאסיפיקאציע זיינען א סך פון די פאקטן אין אייער בריוו (איבער דער פארקיילעכונג פון מה"ד /א/, איבער דער סעריע דאגה/מעשה וכו׳. איז א הארציקן דאנק!

זייט געזונט און שטארק! מיט דאנק און דרך ארץ בלייב איך אייער

תלמיד